**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 1/27/2026 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנאר האקול פייערט עפענונג פון ניו יארק'ס ערשטע פולקאם זעלבסטשטענדיגע מאטריאלן סייענס לאבעטאריעס דורך RADICAL AI ביי די ברוקלין נעיווי יארד

***מאטריאלן סייענס R&D פירמע וועט איבערמאכן נייע הויפטקווארטירן און בויען פארגעשריטענע AI-גענעריבענע לאבעטאריעס***

***פראיעקט וועט שאפן 115 נייע הויך-באצאלנדע דשאבס און שטיצן ניו יארק סיטי'ס וואקסנדע דיפ-טעק און ארטיפישעל אינטעליגענץ סעקטאר***

***געשטיצט דורך ביז 2 מיליאן דאלאר אין אויפפירונג-באזירטע ESD עקסעלסיער דשאבס פראגראם שטייער קרעדיטס***

גאווערנאר Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט געפייערט Radical AI, א סייענטיפישע פארשונג און אנטוויקלונג (R&D) פירמע קאנצענטרירט אויף אנטדעקן נייע אינארגעניק מאטריאלן, פאר'ן אוועקשטעלן ניו יארק'ס ערשטע פולקאם-זעלבסטשטענדיגע מאטריאלן סייענס לאבעטאריע ביי די ברוקלין נעיווי יארד (Brooklyn Navy Yard). די פירמע וועט איבערמאכן און טרעפן פרישע ניצן פאר פלאץ אין געביידע 20 צו שאפן א גאר מאדערנע הויפטקווארטירן און פארשונג פאסיליטעט וואס האט די מעגליכקייט צו דורכפירן אומגעפער 100 AI-גענעריבענע עקספערימענטן א טאג. די 4 מיליאן דאלאר פראיעקט, געשטיצט דורך ביז 2 מיליאן דאלאר אין אויפפירונג-באזירטע עקסעלסיער דשאבס פראגראם (Excelsior Jobs Program) שטייער קרעדיטס פון עמפייער סטעיט אנטוויקלונג (Empire State Development, ESD), איז ערווארטערט צו שאפן 115 נייע הויך-באצאלנדע דשאבס אין די שנעל וואקסנדע תחומים פון מאטריאלן סייענס און AI. די אינוועסטירונג בויעט אויף ניו יארק'ס סטראטעגיע איבער'ן סטעיט צו פארגרעסערן קומענדיגע-דור אינדוסטריס, אויסברייטערן הויכע-געהאלט דשאב געלעגנהייטן, און פארשטערקערן די סטעיט'ס אינאוואציע עקאנאמיע.

"ניו יארק טוט פירן דעם לאנד ווען עס קומט צו פארוואנדלען גאר-פארגעשריטענע פארש ארבעט אויף פראקטישע אינאוואציע און גוט-באצאלטע דשאבס," **האט גאווערנאר Hochul (האקול) געזאגט.** "Radical AI'ס באשלוס צו אויפשטעלן די סטעיט'ס ערשטע פולקאם זעלבסטשטענדיגע מאנטריאלן סייענס לאבעטאריע ביי די ברוקלין נעיווי יארד טוט פארשטערקערן אונזער פאזיציע אלס א גלאבאלע צענטער פאר ארטיפישעל אינטעליגענץ, פארגעשריטענע מעניופעקטשערינג און דיפ-טעק פארשונג. דורך אינוועסטירן אין פירמעס וועלכע טוען פארברייטערן די גרעניצן פון סייענס און טעכנאלאגיע, טוען מיר פארזיכערן אז די אנטדעקונגען וועלכע טוען טרייבן לאנג-טערמיניגע עקאנאמישע וואוקס ווערן אנטוויקלט, פארגרעסערט און קאמערציאליזירט אין דעם סטעיט."

**עמפייער סטעיט אנטוויקלונג פרעזידענט, CEO און קאמישענער Hope Knight (האופ נייט) האט געזאגט,** "Radical AI'ס באשלוס צו בויען ניו יארק'ס ערשטע פולקאם זעלבסטשטענדיגע מאטריאלן

סייענס לאבעטאריע ביי די ברוקלין נעיווי יארד טוט אונטערשטרייכן די שטארקייט און פארשידנארטיגקייט פון אונזער אינאוואציע עקאנאמיע. די פראיעקט טוט צאמברענגען ארטיפישעל אינטעליגענץ, פארגעשריטענע פארש ארבעט און הויכע קוואליטעט דשאבס שאפונג אין א תחום וואס רירט אן כמעט יעדער סעקטאר פון די גלאבאלע עקאנאמיע. מיט שטיצע פון עמפייער סטעיט אנטוויקלונג, טוט Radical AI העלפן פארזיכערן אז די קומענדיגע כוואליע פון מאטריאלן אנטדעקונגען, קאמערציאליזירונג און די סטארט-אפ וואקס פאסירט גלייך דא אין ניו יארק סיטי."

**Radical AI CEO און קא-גרינדער Joseph Krause (דשאוסעף קראוס) האט געזאגט,** "אונזער נייע פאסיליטעט וועט דורכפירן עקספערימענטן אויף מאטריאלן אויף א שנעלקייט און גרויסקייט מיט וואס טראדיציאנאלע R&D קען זיך נישט פארמעסטן, אויפכאפנדיג עקספערימענטעל דאטא וואס מאכט אונזער AI קלוגער מיט די צייט אין אן אנגייענדע דאטא פידבעק לואפ. אונזער מיסיע איז צו אריינקוועטשן צענדליגע יארן פון אנטדעקונגען אויף מאטריאלן אין א יאר אדער בלויז חדשים, און מיר זענען דאנקבאר פאר ESD פאר'ן שטיצן יענער וויזיע."

**NYCREDC קא-פארזיצער Félix V. Matos Rodríguez (פיליקס וו. מאטאס ראדריגועז), סיטי יוניווערסיטעט פון ניו יארק (CUNY) טשענסעלער William D. Rahm (וויליאם ד. ראם), CEO פון Everview Partners, האט געזאגט,** "ניו יארק סיטי'ס עקאנאמישע צוקונפט ווענדט זיך אויף אונזער מעגליכקייט צו ציען צו זיך און פארגרעסערן די צאל פירמעס וואס אפערירן ביים שפיץ פון סייענס און טעכנעלאגיע. Radical AI'ס אויסברייטערונג ביי די ברוקלין נעיווי יארד טוט רעפלעקטירן די טאלאנט פייפ-ליניע, פארשונג מעגליכקייטן און צוזאמענארבעטנדע אינאוואציע סביבה פונעם ראיאן וואס מען טרעפט נישט אין ערגעץ. די פראיעקט וועט נישט בלויז שאפן הויך-באצאלנדע דשאבס, נאר וועט אויך פארשטערקערן ניו יארק סיטי'ס פאזיציע אלס א גלאבאלע צענטער פאר AI-געטריבענע פארשונג, פארגעשריטענע מעניופעקטשערינג און קומענדיגע דור סטארט-אפ אנטוויקלונג."

**ניו יארק סיטי עקאנאמישע אנטוויקלונג קארפעראציע ( New York City Economic Development Corporation, NYCEDC) סיניאר וויצע פרעזידענט פון פארטנערשיפס Justin Kreamer (דשאסטין קרימער) האט געזאגט,** "מיר זענען שטארק צופרידן אז Radical AI וועט אויפשטעלן ניו יארק'ס ערשטע פולקאם זעלבסטשטענדיגע מאטריאלן סייענס לאבעטאריע ביי די ברוקלין נעיווי יארד, בעניפיטירנדיג פון ניו יארק סיטי'ס גרויסע טאלאנט אויסוואהל און צוגעבנדיג צו איר סטאטוס אלס די עפלייד AI קאפיטאל פונעם וועלט. Radical AI'ס נייע גאר מאדערנע הויפטקווארטירן וועט שאפן איבער 100 צוקונפט-אריענטירטע דשאבס, סערווירנדיג אלס א הויפט צענטער פאר AI עקספערימענטאציע און פארשונג, און וועט טיפער מאכן ניו יארק סיטי'ס פארפליכטונג צו סוסטעינעבעל מאטריאלן אינאוואציע, אנשליסנדיג זיך אין נאך ערפאלגרייכע איניציאטיוון שוין אונטערוועגנס ווי Gotham Foundry."

**אסעמבלי מיטגליד Steven Otis (סטיווען אוטיס) האט געזאגט,** "מזל טוה צו גאווערנאר Hochul (האקול), NYS עמפייער סטעיט אנטוויקלונג, און צו די פארשונג און טעכנעלאגיע אינאוואטירער, Radical AI, פאר די פרייליכע נייעס איבער די גאר פארגעשריטענע מאטריאלן פארשונג לאבעטאריע וואס וועט זיך געפונען ביי די ברוקלין נעיווי יארד. מאטריאלן פארשונג, אנטוויקלונג און טעסטינג זענען זייער וויכטיג פאר אונזער עקאנאמישע, ענווייראנמענטאלע און טעכנעלאגישע צוקונפט. Radical AI איז א פירער ווען עס קומט צו נוצן AI צו באקוקן מאטריאלן וואס זענען פאסיג פאר ענערגיע און טעכנעלאגישע אינאוואציע. די וויכטיגע פארש ארבעט וועט ערמעגליכן נייע עקאנאמישע וואוקס געלעגנהייטן און וועט נאכאמאל ארויסהייבן ניו יארק'ס פירערשפאט אין טעכנעלאגישע אינאוואציע. די מעלדונג איז אויך א ביישפיל פון די הצלחה פון גאווערנאר Hochul'ס (האקול) געוויכט אויף דשאב אויסברייטערונג אין טעכנעלאגיע אינדוסטריס און די כח פון צוזאמענארבעט וואס ניו יארק שטעלט צו דורך ברענגען די פירמעס צו אונזער סטעיט."

געגרינדערט אין 2024, איז Radical AI געוואקסן פון א קליינע פארש טיעם צו א שנעל-וואקסנע פירמע קאנצענטרירט אויף פארשנעלערן די אנטדעקונג פון קומענדיגע-דור מאטריאלן. היינט, טוען ארבעטן אינעם פירמע אומגעפער 34 סייענטיסט, ענדשינירן און טעכנעלאגיסטן וועלכע ארבעטן אויף AI, ראבאטיקס און מאטריאלן כעמיסטרי. די פירמע'ס מיסיע איז צו אנטוויקלען, אויספראבירן און קאמערציאליזירן גאנצע נייע קאטעגאריעס פון מאטריאלן וועלכע קענען טראנספארמירן א ברייטע אויסוואהל פון אינדוסטריס—פון עראוספעיס און ענערגיע צו אינפערסטראקטור, פארטיידיגונג און מעניופעקטשערינג. זייער זעלבסטשטענדיגע טעכנעלאגיע טוט צאמשטעלן AI און א זעלבסט-געטריבענע לאבעטאריע צו קענען שנעל אנדעקטן גענצליך נייע מאטריאלן וואס וואלטן אנדערש גענומען 10 ביז 20 יאר צו אנטוויקלען. זייער צוגאנג טוט ערמעגליכן שנעלערער אינאוואציע דורכאויס אינדוסטריס ווי ענערגיע, טראנספארטאציע און פארגעשריטענע מעניופעקטשערינג, פארשטערקערנדיג די סטיי'ס ראלע אין קומענדיגע דור טעכנעלאגיע אנטוויקלונג.

Radical AI פלאנט צו פארוואנדלען אן עקזיסטירנדע אפיס פלאץ אלס א פולקאם אויסגערישטע, פארגעשריטענע מאטריאלן סייענס לאבעטאריע אויסגעשטאט מיט ספעציאליזירטע געצייג, גאז ליניעס, ראבאטיקס סיסטעמען, אפדעיטעד זיכערהייט און ארגענאזירונג אויסשטעלן און וויכטיגע אינפערסטראקטור פארבעסערונגען. Radical AI'ס זעלבסטשטענדיגע לאבעטאריע וועט זיך קאנצענטרירן בלויז אויף אנטדעקן נייע אינארגעניק מאטריאלן דורך AI-געטריבענע עקספערימענטאציע און R&D. די פירמע'ס צוגאנג פון קענען דורכפירן אסאך אויף א מאל וועט פארשנעלערן די טראדיציאנאלע שטייטע פראצעדור פון מאטריאלן אנטדעקונג מיט 370 מאל, שאפנדיג נייע מאטריאלן וואס קענען גענוצט ווערן דורכאויס פילצאליגע אינדוסטריס.

מיט איר אויסברייטערונג אין די ברוקלין נעיווי יארד, וועט Radical AI נאך מער פארשטערקערן איר אנוועזנהייט אין ניו יארק סיטי, און וועט פארשטערקערן די סטיי'ס וואקסנדע פירערשאפט אין ארטיפישעל אינטעליגענץ, פארגעשריטענע מעניופעקטשערינג און דיפ-טעק פארש ארבעט. די אינוועסטירונג טוט פארשטערקערן די סטיי'ס אינאוואציע עקא-סיסטעם דורך צאמפארן גאר פארגעשריטענע AI מעגליכקייטן מיט ערשט-קלאסיגע סייענטיפישע טאלאנט, שאפנדיג א נייע צענטער פאר מאטריאלן אנטדעקונגען וועלכע וועלן שטיצן די פארמירונג פון סטארט-אפס, קאמערציאליזירונג און לאנג-טערמיניגע עקאנאמישע וואוקס דורכאויס פילצאליגע אינדוסטריס. אזוויי מאטריאלן סייענס איז א יסוד פאר אלעס פון ענערגיע און טראנספארטאציע ביז פארטיידיגונג און מעניופעקטשערינג, טוט Radical AI'ס אנוועזנהייט ביי די ברוקלין נעיווי יארד שטעלן ניו יארק סיטי אין פאזיציע ביים שפיץ פון די קומענדיגע דור פון טעכנעלאגישע דורכברוכן.

זעלבסטשטענדיגע מאטריאלן סייענס טוט צאמשטעלן AI, ראבאטיקס און פארגעשריטענע כעמיסטרי צו קענען שנעל אנטדעקן גענצליך נייע מאטריאלן וואס וואלטן אנדערש גענומען יארן צו אנטוויקלען. זייער צוגאנג טוט ערמעגליכן שנעלערער אינאוואציע דורכאויס אינדוסטריס ווי ריינע ענערגיע, טראנספארטאציע און פארגעשריטענע מעניופעקטשערינג, פארשטערקערנדיג די סטיי'ס ראלע אין קומענדיגע דור טעכנעלאגיע אנטוויקלונג.

**איבער עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט**
עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט (Empire State Development, ESD) איז ניו יארק'ס הויפט עקאנאמישע אנטוויקלונג אגענטור, און עס שטיצט ביזנעס וואוקס, די שאפונג פון נייע דזשאבס און מער עקאנאמישע געלעגנהייטן אריבער די סטעיט. מיט אפיסעס אין יעדע פון די סטעיט'ס 10 ראיאנען, טוט די ESD איבערזעהן די [ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסילס ( Regional Economic Development Councils)](), שטיצן אינטערנעט סערוויס גלייכקייט דורך די ConnectAll אפיס און פארגרעסערן די ארבעטסקראפט פון די צוקונפט דורך די אפיס פון סטראטעגישע ארבעטסקראפט

אנטוויקלונג (Office of Strategic Workforce Development). די אגענטור ארבעט צוזאמען מיט ארויסשטייגנדע און פארגעשריטענע אינדוסטריעס ווי ריינע ענערגיע און סעמי-קאָנדאָקטער מעניופעקטשורינג וואס זוכן צו וואקסן אין ניו יארק סטעיט, זי האלט אויף א נעטווארק פון הילף צענטערן צו העלפן קליינע ביזנעסער וואקסן און מצליח זיין, און זי מאכט מארקעטינג פאר די סטעיט'ס ערשט-קלאסיגע טוריזם דעסטינאציעס דורך "I LOVE NY" (איך האב ליב ניו יארק). פאר מער אינפארמאציע, ביטע באזוכט esd.ny.gov, און פארבינדט אייך מיט ESD אויף LinkedIn, Facebook און X.

**איבער Radical AI**
Radical AI איז א מאטריאלן פירמע וואס טוט צאמשטעלן AI און א זעלבסט-געטריבענע, ראבאטישע לאבעטאריע צו אנטדעקן נייע אינארגעניק מאטריאלן פאר אינדוסטריס מיט קריטיש-וויכטיגע מיסיעס ווי עראוספעיס, אינפערסטראקטור, פארטיידיגונג, ענערגיע און מעניופעקטשערינג. די פירמע טוט זיך באנוצן מיט AI טעכנעלאגיע צו באקוקן ביליאנען מאטריאלן און אידענטיפיצירן די בעסטע קאנדידאטן, סינטעטייזען און אויספראבירן די קאנדידאטן אין א זעלבסטשטענדיגע לאבעטאריע, און זאמלען ווערדפולע עקספערימענטאלע דאטא צו פארבעסערן צוקונפטיגע פארשאצונגען אין א פארמאכטע-לופ סיסטעם. Radical איז אויפגעקומען מיט 55 מיליאן דאלאר אין ערשטע פינאנצירונג אנגעפירט דורך RTX Ventures מיט באטייליגונג פון Noa, Eni, Infinite Capital, NVentures (NVIDIA), און AlleyCorp. די פירמע איז אן ענערגיע אפטיילונג (Department of Energy) שותף אין די ווייסע הויז דשענעסיס מיסיע (White House Genesis Mission) און פארמאגט א לופט קרעפטן ( Air Force) AFWERX קאנטראקט צו אנטוויקלען הויכע-ענטראופי עלאויס פאר הייפערסאניק פלייט. פאר מער אינפארמאציע, באזוכט radical-ai.com.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן